# קיפקע

שכונות ויואל משה

דיין לאקאלער צירקל

letters@svmkipka.com • 845.682.1282

13

פרשת ואתחנן
Jul. 19 2026







אייער פריינט
תושב השכונה

# עסן דורך מעדיקעיד קענט איר נישט יעצט באקומען... אבער א דיסקאנט אויף אייער עלעקטריק ביל יא!



Email your O&R and medicaid card/food stamps to HMendlovic603@gmail.com or call/text 845-774-5085.

HennyLebovitsdesign@gmail.com

---

# PROFESSIONAL IN-HOME ORGANIZING

- Your Home
- Offices
- Kallah Apartments



Watch your space transform into what you always wished...

R.S. Weinberger
845 248 6462

---

בס"ד

## מיר סערווירן אייך

- שלעסער
- נומער שלעסער
- Door Closers
- הענטלעך
- מעסטער שליסל




**Locksmith רופט**

**845-576-2481**



בס"ד
SVM Week 2
$35 OFF
BEER SHEVA ST
MAGLENITZ ST
UNGVAR ST
YOU'RE NEXT.
We're scheduling dryer vent cleanings on these SVM streets this week.
Call today to schedule your vent cleaning.
צו קלינען דעם דרייער ווענט,
ווענדט אייך צו
אלימלך שווארטץ
845.999.LINT
5468
Reserve your spot while we focus on SVM.
Save $35 with special area pricing.
Better airflow.
Faster drying.
Safer homes.
SUPER DRYER VENT CLEANING
KAYGROUP.CO




OUR SHOWROOM HAS ONE ADDRESS: YOURS.
No guessing if it will fit, shine bright enough, or match. Our expert brings the showroom to your home, so you choose once and choose right.
Servicing Monsey, Monroe & the Catskills
845-394-5885
sales@breezelightingusa.com
BREEZE LIGHTING

# שכן צו שכן

לכבוד די רעדאקציע פון "קופקע": יישר כח פארן מפרסם זיין דעם מנין שבת אינדערפרי פאר סוף זמן תפילה דא אינעם געגנט אינעם ספינקא בית המדרש אויף באר שבע.

איך א בחינה פון "ובתוך רבים אהללנו" וויל איך עס מפרסם זיין ברבים. מיר האבן זיך געניטיגט אין א ישועה, און גייענדיג צו א גוטן איד האט ער מיר אויסגעפרעגט איבער מיין דאווענען. היות איך פלעג זיין נאכגעלאזט מיט'ן דאווענען שחרית מיט מנין, האט ער מיר מעורר געווען אז זיך פארנעמען צו דאווענען מיט א מנין פאר סוף זמן תפילה כדת וכדין בקביעות, וואס דאס איז א שטארקע סגולה געהאלפן צו ווערן מיט שווערע בקשות.

איך האב זיך פארגענומען עס צו טון בלי נדר. שבת אינדערפרי איז מיר דאס אבער געווען זייער שווער, ווי באלד איך האב נישט געקענט אראפגיין צום גרויסן בית המדרש. אבער יעצט, אז עס איז דא א מנין נאנט, איז עס א מעגליכקייט ב"ה, און איך זע שוין טאקע געוואלדיגע ישועות אין מיינע בקשות. איך האף עס וועט אנהאלטן בסייעתא דשמיא.

יישר כחכם פארן דינען אלס א שופר צו זיין א מזכה את הרבים. כה לחי!

א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע ארבעט וואס "קופקע" טוט פאר די תושבים; עס גיט א פלאטפארמע זיך אביסל אויסצושמועסן צווישן די שכנים.

איך האב געליינט דעם בריוו וועגן בויען א פארק אין אונזער געגנט, און איך בין אינגאנצן איינשטימיג אז דאס איז א זייער וויכטיגע זאך. אונזערע קינדער וואקסן ב"ה, און מען דארף האבן א זיכער פלאץ וואו זיי קענען שפילן.

איך וויל נאר פרעגן אויב איינער ווייסט צו ווען מען קען זיך ווענדן, ענליך צו די 311 סערוויס אין ניו יארק, וואו מען קען אריינגעבן פארשלאגן אדער בעטן פאר אזעלכע זאכן. אפשר קען מען רופן דעם Village אויף 783-8300 און איבערלאזן א מעסעדזש פאר די באאמטע, אדער זיך פארבינדן מיט Upscale Developers און זיי בעטן אז ביי דעם נייעם מאלל זאל מען אפשר איינריכטן א שיינעם פארק פאר די קינדער.

אויך וואלט געווען כדאי פארצושלאגן אז ביי די קומענדיגע פאזעס זאל מען מאכן ברייטערע סיידוואלקס. ווייל דאס וועט סיי פארברייטערן דעם דורכגאנג און סיי געבן אביסל מער פלאץ פאר קינדער צו שפילן און פאר בייקס צו קענען דורכפארן באקוועם.

איך בעט זייער מען זאל ביטע אריינלייגן דעם בריוו אין "שכן צו שכן", וויבאלד דאס איז כמעט מיין איינציגסטער וועג צו באקומען אינפארמאציע איבער מיין פראבלעם.

איך וויל פרעגן אויב נאך שכנים דא אין געגנט האבן דעם פראבלעם מיט די סינקס וואס מען האט דא אינסטאלירט. עס האט זיך מיר צובראכן דער פייפ וואס מען שלעפט ארויס פונעם סינק און עס הענגט אראפ, מען קען עס נישט צוריק אריינלייגן. ווייסט איינער אויב מען קען טוישן נאר דעם חלק, אדער מוז מען טוישן דעם גאנצן סינק? אויב איינער האט שוין געהאט אזא פראבלעם און ווייסט וויאזוי מען האט עס פארראכטן, וועט עס מיר זיין א גרויסע הילף, איך גלייב אויך פאר אסאך שכנים.

לעצטנס רעדמען דא אסאך אין שכונות איבער דעם נויט פאר א זיכערן פלאץ וואו

בס"ד

# The easy way from refill to refill.

**We keep your refills connected so you never miss a dose. Think you can do the same?** Complete the Connect the Dots puzzle by drawing a line from each numbered dot to reveal the hidden image. Then submit your completed puzzle for a chance to win a $25 Funtazz gift card.




## SEND US YOUR PUZZLE TO ENTER THE RAFFLE:

1) Drop off at Blooming Grove Pharmacy or Funtazz
2) Hand to our driver when he delivers your order
3) Send it to us: Whatsapp to 845.775.4175, fax to 845.775.4185 or email to info@bgprx.com

**Name** ____________________

**Phone** ____________________

**Email** ____________________

Raffle date: Monday, Aug 3, כ' אב
Last weeks winner: חיים שווארטץ

מיר קאנעקטן אייך צו יעדער ריפיל.

קינדער, ענדיגט די קאנעקט די דאטס און געווינט!

שמואל יוסף זאלצמן

Blooming Grove PHARMACY

**FAST, FREE DELIVERY EVERY DAY UNTIL CLOSING**

**Call/Text / WA 845.775.4175**
**Fax:** 845.775.4185
1200 Rt 208 Monroe, NY 10950

**Store Hours:**
Sun - Thurs 9 AM - 9 PM
Friday 9 AM - zman

faigyporgesz.com

# שכן צו שכן

אונזערע קינדער זאלן זיך קענען שפילן זיכערערהייט. איך האב געטראכט אז ביים דעדענד פון 8 אוסטראה איז אפשר דא א גוטע געלעגנהייט איינצושטעלן א געהעריגן פלעי גראונד, מיט בענק פאר די מאמעס און א באקוועמען שטח פאר די קינדער.

לויט ווי עס קוקט מיר אויס, וועט עס נישט צונעמען צופיל פארקינג, און אפילו אויב די באסעס וועלן עס נישט קענען נוצן, לוינט זיך עס נאך אלץ אפשר לטובת די קינדער און די גאנצע שכונה.

ביטע ארייגלייגן מיין מעסעדזש ביי "שכן צום שכן". ווען מ'האט פארקויפט די דירות, האבן די פלענער קלאר געוויזן עטליכע פארקס אין די שכונה, צווישן אנדערע אויף חוסט און ש.מ. ראזנער. דערווייל זעט מען נאר גראז, אבער קיין פארקס זענען נאך נישט געבויט געווארן.

איך בין נייגעריג אויב איינער ווייסט פארוואס עס איז אזוי געבליבן, און אויב עס איז דא עפעס וואס מ'קען טון כדי מען זאל עס שוין אהערשטעלן אזוי ווי מען האט אדווערטייזט. איך בין זיכער אז די גאנצע שכונה ווארט דערויף און וועט שטארק הנאה האבן דערפון.

אין די זומער טעג זיצן אסאך פרויען אינדרויסן אויף בענקלעך און גיבן אכטונג אויף די קינדער. עס מאכט זיך אבער אמאל אז מען זעצט זיך אראפ אויף יענעמ'ס בענקל, און ווען דער בעל הבית פונעם בענקל קומט ארויס, ווערט עס אביסל אומבאקוועם.

אפשר וואלט געווען פאסיג אז יעדער זאל, ווי ווייט מעגליך, ארויסשטעלן אן אייגן בענקל. אזוי וועט קיינער נישט דארפן אויפשטעלן יענעם, און יעדער וועט קענען רואיג הנאה האבן פון די פרישע לופט, די קינדער, און א גוטן שמועס מיט די שכינים אן מאכן א צווייטן אומבאקוועם.

מען האט לעצטנס געשריבן אין "קופקע" איבער דעם וויכטיגן ענין פון פארקס פאר די קינדער, מען זוכט וואו מ'קען געפינען א פאסיג פלאץ.

האב איך געטראכט א געדאנק: אפשר איז די סיבה פארוואס מ'מאכט נישט קיין פארק, ווייל יעדער ליידיגער לאט איז היינט ווערד א הון רב, און ס'איז שווער אפצוגעבן אזא טייערן שטח בלויז פאר א פארק.

אפשר קען מען טראכטן פון אן אנדער לעזונג: ווען מען בויט א נייע בילדינג, זאל מען לאזן דעם אונטערשטן שטאק אפן, אן קיין דירות, און בויען די בילדינג העכער דעם - אזוי ווי די פארקינג אונטער ישראל שלום, נאר אנשטאט פארקינג זאל עס דינען אלס א פלאץ פאר קינדער צו שפילן. יעצט אז מען לייגט שוין סיי ווי אריין עליוועיטערס, קען מען שוין בויען אפילו נאך א שטאק צוויי, אזוי אז עס זאל אפילו נישט זיין קיין געלט שאדן.

אזא געדאנק האט נאך א גרויסע מעלה: אפילו ווען עס רעגנט, שנייט, אדער די זון ברענט שטארק, וועלן די קינדער האבן א באדעקט, זיכער פלאץ וואו צו שפילן. אפשר איז דאס א וועג וויאזוי מ'קען צופרידנשטעלןביידע זייטן - דער דעוועלאפער פארלירט נישט דעם גאנצע לאט, און די תושבים באקומען דעם וויכטיגן פלאץ וואס די קינדער דארפן אזוי נויטיג.




בקיצור, א קאר סערוויס פאר פעקלעך.

# 845.666.8455

swifly
On Demand Messenger

# א שאלה צום דיין

געפרעגט דורך תושבי השכונה,
**געענטפערט דורך רבי דוד גרינפעלד שליט"א,**
דומ"ץ ביהמ"ד ישראל שלום בשכונתינו

## שאלה

איך וואלט געפרעגט א שאלה פון די דיין. איך נוץ דא דארט די מיני באס. עס מאכט זיך אמאל אז איך האב נישט פונקט קיין קליינגעלט, און איך גיי ארויף מיט מיינע קינדער, איך טראכט אז איך וועל שוין א צווייטע מאל באצאלן.

למעשה איז דאס שוין געווען אפאר מאל, איך האב נישט קיין פונקטליכע חשבון וויפיל איך בין שולדיג. איך האב געוואלט וויסן אויב איך קען סתם ארייגלייגן א צוואנציגער אדער דרייסיג דאלאר און זיין רואיג אז איך האב אפגעצאלט מיין חוב?

## תשובה

א) מען טאר נישט ארויף אומבאצאלט, דאס איז איסור גזל.
ב) אויף וואס מען האט געטון ביז יעצט, איז דא א חיוב צו באצאלן דאס גזל, מען דארף באצאלן אזויפיל, אז עס זאל זיין זיכער אז מען האט אלעס באצאלט, שיצא ספק מלבו.


קארסעיף: 24 שטונדן ארום די זייגער
845.512.5555
carsafe

$25 COUPON
towards your next session!
F. Deutsch
faigydeutsch.com
347-587-0839
EXP: 12/03
5469872614





ב"ה
אייער פריינט
תושב השכונה
ס'פליט שוין
ביי משפחות
פילעפף
6 BEER
SHEVA ST
#302
8457991416
New
די בעסטע צייט אנצוגרייטן אייער נוי סוכה איז זוממער,
קויפט אייער פיקאק שטערן היינט!
Start crafting today!
Call or Text
3475850690
על פי הלכה
מעג מען עס
מאכן אין די 9
טעג
The Sukkah Star
845-492-2071 - Craft10950@gmail.com




# EZ Shopping 845 248 9626

| | Luvs $50 | Pampers Baby Dry $65 | Pampers Swaddlers $65 | Huggies $60 | Parents Choice $55 | Mama Bear $40 |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **1** | 294 | 242 | 198 | 256 | 412 | 196 |
| **2** | 264 | 220 | 186 | 222 | 384 | 184 |
| **3** | 324 | 210 | 168 | 210 | 336 | 168 |
| **4** | 198 | 186 | 150 | 180 | 308 | 148 |
| **5** | 172 | 164 | 132 | 156 | 258 | 132 |
| **6** | 144 | 144 | 108 | 124 | 212 | 108 |

**We also do all kind of online shopping,**

**we are specialized in finding the best price on**

**Diapers, Pull ups and Detergents**

בסייעתא דשמיא

# אייער חלום פון א שיינע קאך, גרינגערהייט!

האט אייער קאך נאכנישט קיין בעקספלעש?
ווילט איר דאבלען די שיינקייט פון אייער קאך?
ווילט איר מאכן אייער ארבעט אין קאך א געשמאק?
ווילט איר אפהיטן אייער וואנט פון שימלען?

## מיר מאכן עס גרינג פאר אייך!

מיר ברענגען סעמפלס צו אייך אהיים, צו וועילן גרינגערהייט לויט אייער געשמאק.
מיר מאכן א שיינע פונקטליכע ארבעט, עס נעמט בלויז איין טאג.
איר באקומט אן אימזיסטע נאכטמאל, איר זאלט נישט דארפן קאכן יענע טאג.



אייער פריינט
תושב השכונה

**נייע קאונטערס**
מיר מאכן גרעניט קאונטערס אויף די SKY TILE STANDARD.
**פראקטיש און שיין**

NEW SERVICE: WE BRING THE TILES. YOU CHOOSE. INSTALLED TO PERFECTION.

TILE SELECTION MADE EASY.

**BACKSPLASH**
for Just
**$1,975**
**TILES INCLUDED**

Describe•biz

SKYTILE
SALES & INSTALLATIONS
Don't overthink it — Call now

באנייט אייער חלום קאך
דעם קומענדיגן שבת
**באשטעלט שוין**
**845 200 2600**
skytileny@gmail.com

FREE PIZZA
ON THE DAY OF INSTALLATION

ברויט פאר א נויט!

# שיקטס רעסיטס און געווינט!

**כאפט אריין ☚ גורל איז קומענדיג**




**שיקט אריין אייערע רעסיטס** מיט
**"בינער'ס ברויט"** דערויף און **געווינט!**

*Recipt need to have, store info, name, biener's, and date.

**וויאזוי שיקט מען אריין די רעסיטס?** אימעיל: **promo@thebbinc.com** טעקסט/פיקטשער: **405.970.0036** דורך די פאסט

# א געווינס ספעציעל פאר **שכונת ויאל משה!**

יעדע "האָל-וויט" ברויט וואס איר קויפט פארן שטוב איז א **פרישע געלעגנהייט איינצוהאנדלען א טיקעט אין די גורלות**

**$300 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **ELEGANT HOME & GIFTS**

**$200 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **TOYS TO DISCOVER**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **EATALY DAIRY**

**$100 גיפט סערטיפעקאט ביי** ______ **HAVEN TOAST**

**וויפיל פעקלעך ברויט, אזויפיל טיקעטס ביי** ______ **HOOPLA**

**☚ די גורלות וועלן פארקומען בעז"ה דינסטאג פרשת עקב תשפ"ו**

## דיגע וואך ☚ לעצטע געלעגנהייט




**WIC approved**

**Bieners Bakery, 51 Forest Rd. 316-225, Monroe NY 10950** :דורך די פאסט

# א קאנדא-מענעדזשמענט טראכט נישט נאר ווען עס שנייט

UTMOST MANAGEMENT

ווען א מענטש וואוינט אין א קאנדא-קאמפלעקס, זעט ער געווענליך נאר דאס וואס איז אים פאר די אויגן: די שיינע גראז, די ריינע סיידוואלקס, די זויבערע האלוועיס, אז די גארבידזש הייזער זענען מסודר. אבער הינטער דעם שטייט א גאנצע סיסטעם פון פלאנירונג, קאארדינאציע און שווערע ארבעט וואס די קאנדא-מענעדזשמענט דארף פירן יעדן איינציגן טאג.

די ארבעט פון קאנדא-מענעדזשמענט ענדיגט זיך נישט בלויז מיט'ן צאלן בילס און האבן מיטונגען מיט'ן באורד. א גרויסער טייל פון דער ארבעט איז צו מאכן זיכער אז די גאנצע פראפערטי קלאפט ווי א זייגער - פונעם ערשטן שניי אינעם ווינטער ביזן לעצטן בלעטל וואס פאלט אינעם הערבסט סעזאן.

איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבן פון א מענעדזשמענט זענען די דרויסנדיגע חלקים פונעם קאנדא. שוין אין די סוף זומער חדשים דארף מען טראכטן פאראויס: זענען די שניי שארן קאנטראקטס שוין גרייט? איז די עקוויפמענט צוגעגרייט? האבן מיר א מאפע וואו די סענסיטיווע ערטער געפינען זיך? דער שניי קומט דאך נישט פרעגן אויב מען איז גרייט... מען קען נישט דעמאלטס לויפן צו האלענדערס אדער האום דיפאו קויפן שאוולען און זאלץ.

ווען דער שניי פאלט, איז די אחריות פיל מער ווי בלויז ארומצופארן מיט א שארער טראק און שאוולען. מען דארף אויסארבעטן א פלאן: וועלכע וועגן ווערן קודם גערייניגט? ווי אזוי האלט מען די פייער עקזיטס אפן? זענען די סיידוואלקס זיכער פאר עלטערע איינוואוינער? איז דא גענוג זאלץ און מאטעריאל? די קליינע דעטאלן זענען דאס וואס מאכן דעם גרויסן חילוק.

●●●

נאכ'ן ווינטער הייבט זיך אן דער קומענדיגער פראיעקט. דער קאמפלעקס דארף ווערן צוריק אויפגעפרישט, און די מענעדזשמענט דארף קאארדינירן די לענדסקעיפינג, שניידן דאס גראז, פלאנצן וכדומה, באהאנדלען דיביימער, פאררעכטן די דרעינאזש פראבלעמען וואס זענען געשען, און זיכער מאכן אז די גאנצע פראפערטי זעט אויס ריין און מענטשליך.

א גוטע קאנדא-מענעדזשמענט זוכט נישט בלויז א פירמע וואס קומט שניידן גראז; מען דארף זוכן א פארלעסליכע פירמע וואס פארשטייט דעם גאנצן בילד. ווער עס קומט דאס סערווירן, דארף וויסן ווי אזוי צו ארבעטן אן צו מאכן א שאדן פאר די אינפראסטרוקטור, וועלכע געוויקסן פאסן צום געגנט, און וואו עס לוינט זיך צו אינוועסטירן געלט כדי שפעטער צו שפארן קאסטן.

א גרויסער טייל פון דער ארבעט איז "קוואליטי קאנטראל". די מענעדזשמענט קען נישט פשוט זאגן: איך האב געגעבן א קאנטראקט, זאל זיך יעדער אליין זארגן. מען דארף נאכקוקן אז די ארבעט ווערט געטון ווי פארשפראכן, אז די קוואליטעט שטימט, און אז די איינוואוינער באקומען דעם סערוויס וואס זיי פארדינען.





# סופר סת"מ

ס"ת, מזוזות, מגילות, קטורת, תפלין, רצועות, בתים

ספעציעלע
סערוויס: אייער
בחור'ל קען מיטהאלטן
די פראצעדור פון
מאכן די תפלין

**יואל מארקאוויטש**

**845-324-0063**

תושב שכונות ויואל משה



# ווערטער און געדאנקן

אויפן "תורתך שעשועי" שיעור

**כב) אמרה יונה לפני הקב"ה: רבונו של עולם, יהיו מזונותי מרורין כזית ומסורין בידך, ואל יהיו מתוקין כדבש ומסורין בידם של בשר ודם.**

"כזית" איז א רמז אויף חנוכה, ווען מען צינדט די מנורה מיט שמן זית. דער "דבש" איז א רמז אויף ראש השנה, ווען אידן טונקען דעם עפל אין האניג.

דער חילוק צווישן די צוויי זמנים איז גאר יסודות'דיג: חנוכה איז א זמן ווען די השפעות קומען מצד די קדושת היום אליין. דער אויבערשטער עפנט די שערי השפעה צוליב דעם עצם זמן, אפילו אן דעם וואס דער מענטש זאל האבן פארדינט דערפאר מיט זיינע מעשים.

ראש השנה אבער איז דער יום הדין. דארט ווערט די השפעה באשטימט לויט'ן מצב פונעם מענטש, לויט זיינע מעשים, תשובה, תפילה און זכותים.

"יונה" מיינט כנסת ישראל וואס זענען נמשל געווארן צו א יונה. מען בעט דעם אויבערשטן: רבונו של עולם, מיינע מזונות זאלן זיין "כזית" אזוי ווי חנוכה, וואס איז "מסורין בידך" דירעקט פון דיר, דורך דיין חסד און רחמים. אבער נישט "כדבש" ווי ראש השנה, וואס דאס איז תלוי אין מיינע מעשים, "מסורין בידם של בשר ודם."

*(אך פרי תבואה)*

**כג) מיום שחרב בית המקדש דיו לעולם שישתמש בשתי אותיות.**

מען קען דאס זען אין די נעמען פון די ספרים פון די נביאים וואס זענען געווען פארן חורבן, וואו מען געפינט אפט דעם גאנצן נאמען פון הקב"ה אין די נעמען, ווי למשל ישעיהו און ירמיהו, וואס איז א רמז אויפ'ן שם הוי"ה. אבער אין די ספרים וואס זענען געשריבן געווארן נאכ'ן חורבן, ווי עזרא, נחמיה, דניאל און זכריה, געפינט מען שוין נאר א טייל פונעם נאמען, נאר די צוויי אותיות, אזוי ווי די גמרא זאגט דא.

**כד) כל ההוגה בהן טועם טעם בשר.**

בפשטות מיינט עס אז ווער עס איז עוסק בתורה, שפירט דעם אמת'ן געשמאק פון לערנען.

אבער יעצט, ווען מען שטייט אין די ניין טעג, האט דער מאמר א באזונדערן זיסן פשט: כל ההוגה בהן, ווער עס זיצט און איז עוסק בתורה, טועם טעם בשר, כפשוטו... אין די ניין טעג איז דאך פלייש אסור, אויסער ווען מען מאכט א סיום. קומט אויס אז דער וואס איז הוגה בתורה און לערנט ביז ער איז זוכה צו מאכן א סיום, איז טאקע טועם טעם בשר...

**כה) הדודאים נתנו ריח, אלו בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא.**

פארוואס דוקא בחורים? ווייל די גמרא זאגט דאך אין מסכת ברכות: "אם פגע בך מנוול זה, משכהו לבית המדרש". א בחור'ס פלאץ איז דאך אין בית המדרש! דערפאר, ווען מען לעבט אינאיינעם מיט די תורה, ווערט דער יצר הרע אפגעשוואכט און מען ווערט באשיצט פון חטא.


מיר פאררעכטן
אלע סארט פאונ'ס און טעבלעטס
52 Bakertown Rd.
Business center
2nd Floor
Call / Text
845.
388.
2355
thewireless





ספעציעלער
אָפפער!
בלויז $200
פאַרן גאַנצן
זומער
אדער $10
א טאג
ראצפערט
סווימינג
פול
אזוי ווי אין די פאַרגאַנגענע יאָרן!
= נישט פאר בחורים און קינדער =
845.603.2114
אָפן יעדע נאַכט פון 8:30 ביז 11:00

# הצלה קאָלס

עקיבא
שטיין אויפ'ן
סצענע

## שפיטעלער קאטאגאריעס

ווען עס מאכט זיך אן הצלה קאל ל"ע, וואו א פאציענט דארף געפירט ווערן אין שפיטאל. צו וועלכן שפיטאל פארט מען? אויף וואס ווענדט זיך דער באשלוס? ווענדט עס זיך לויט ווי ווייט עס איז? ווענדט זיך עס אויב עס האט א גוטן "ביקור חולים" רום?... אדער אפשר גאר קוקט מען אויב עס האט א בית המדרש אדער מקוה דערנעבן?

דער באשלוס ווערט געמאכט לויט קלארע פראטאקאלן און מעדיצינישע אנווייזונגען - פארשטייט זיך מיט אן אידיש הארץ - מיט איין ציל: אז דער פאציענט זאל אנקומען צום ריכטיגן שפיטאל וואס קען אים געבן די בעסטע באהאנדלונג אין די שנעלסטע צייט.

כדי דאס בעסער צו פארשטיין, דארף מען קודם וויסן אז נישט אלע שפיטעלער זענען די זעלבע. אין אמעריקע זענען די שפיטעלער איינגעטיילט אין פארשידענע קאטעגאריעס, יעדע איינע איז אויסגעשטעלט פאר אנדערע סארטן עמערדזשענסיס וואס מיר וועלן אויסרעכענען טיילווייז.

## טראומע צענטערן

"טראומע" באדייט וואונדן, וואס קענען פאסירן דורך סיי וועלכע אינצידענט. א קליינער שניט פאלט אריין אין די קאטעגאריע, און זיך אויסגליטשן אויף שניי אויך. אבער עס זענען דא גאר שווערע "טראומעס", ווי קאר-עקסידענטן, פאלן פון הויכע פלעצער, פייערן, שיסערייען, אינדוסטריעלע עקסידענטן און אנדערע לעבנס-געפארפולע אומגליקן.

וואו באהאנדלט מען מער ערנסט און וואו וויניגער? דערפאר איז עס איינגעטיילט אין קאטעגאריעס.

**לעוועל 1 טראומע צענטער.**

דאס איז די העכסטע שטאפל פון טראומע באהאנדלונג. אזא שפיטאל פארמאגט ארום די זייגער ספעציאליסטן פאר טראומע, מח, ביינער, אדערן און נאך פילע אנדערע, וואס קענען ממשעקונדעס אנהייבן באהאנדלען די שווערסטע פאלן.

די נענטסטע לעוועל 1 טראומע צענטערן צו קרית יואל זענען - צווישן אנדערע - וועסטשעסטער מעדיקעל סענטער, העקענסעק מעדיקעל סענטער און קאלאמביע אוניווערסיטעט שפיטאל. עס נעמט דער וועג בערך 40-50 מינוט אן טראפיק. פאר וויליאמסבורג איז בעלוויו שפיטאל דער נענטסטער לעוועל 1 טראומע צענטער.

**לעוועל 2 טראומע צענטער.**

א לעוועל 2 קען אויך באהאנדלען גאר ערנסטע טראומע-פאלן, און אין היבש פעלער קענען זיי דורכפירן די זעלבע לעבן ראטעווענדע אפעראציעס. דער חילוק איז אז א לעוועל 1 פארמאגט אייביג מער ספעציאליסטן און ברייטערע מעגליכקייטן פאר גאר קאמפליצירטע אינצידענטן.

אין אונזער געגנט איז "גארנעט מעדיקעל סענטער" א לעוועל 2 טראומע צענטער.

**לעוועל 3 טראומע צענטער.**

א לעוועל 3 איז אויסגעשטעלט שנעל צו סטאביליזירן דעם פאציענט און דורכפירן געוויסע אפעראציעס. אבער אויב עס פעלט אויס מער ספעציאליזירטע באהאנדלונג, וועט מען עס אריבערפירן דעם פאציענט צו א לעוועל 1 אדער 2 שפיטאל.

למשל אין אונזער געגנט איז גוד סאמאריטאן שפיטאל נעבן מאנסי א לעוועל 3 טראומע צענטער.

**לעוועל 4 און 5 טראומע צענטער**

די שפיטעלער געפינען זיך מערסטנס אין קלענערע שטעט אדער אין רוראלע געגנטער. זייער הויפט אויפגאבע איז צו געבן שנעלע ערשטע הילף, סטאביליזירן דעם פאציענט, און אים שנעל טראנספערירן צום פאסיגן טראומע צענטער, געווענליך מיט א העליקאפטער.

*וועלכע נאך סארטן שפיטעלער עס זענען פארהאן, לייענט ווייטער קומענדיגע וואך אי"ה.*

# קלאסיפייד

Looking for a office space in SVM?
Private office rooms are now available for rent

For more information or to schedule a viewing,
**call: (845) 459-0884**

א משפחה שמחה דא און געגענט? רעזערווירט אויף פאראויס. א אויסגערישטע דירה מיט 4-5 בעטן צו פארדינגען אינמיטן די שכונה. טאג/וואך, אויך א 1 רום נאר שלאפן.
917-613-6622




Beutifull 5 room walk in Apartment on 20 Austra for rent. ready to move in.
845.637.9457









# *Let this be the easy part.*




## Introducing: Mother's Nature™ H1

Strong enough to do the work and gentle enough to feel natural, the Zomee Mother's Nature H1 supports your body like your baby would.

- Hospital Grade Power
- Dual Motors
- Baby Tongue Motion
- 3 Year Warranty

FREE GIFT WITH EVERY ORDER

ASK FOR PUMP-TO-BAG ADAPTER.

MILK BAG REFILLS, AS NEEDED

Order now & enter to

**Win a Stokke YOYO Stroller!**

Drawing date: July 30



BlueMed
MEDICAL SUPPLIES

**Get your pump free through insurance.**
Reach out, and we'll deliver.

Call/Text: **845.307.4455** Email: **Info@bluemedny.com**

Pumps | Surgical Stockings | Nebulizers | Incontinence Products